LEYBKE SHVIMER

J. Margolin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG



MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center



The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

מאַרגאָלין.

ליבקע שווימער.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

א פּאָעמע.

1923

ИЗДАНИЕ:
Гомельское отделение „Культур-Лиги".

Гублит № 116. Заказ 673—1000. Тип. «Полесспечати», Гомель.

ליבקע שווימער.

1

הערט נאר, קינדערלאך, איר קלײנע,
שטילע, ריאיקע און שײנע:
כ'האב א מאיסעלע פאר אײך. —
א שײן מאיסע פון א טײך.

2

בא א בערגל, בא א קלײנס,
שטײט א שטעטל האַרט א שײנס;
הינטער שטאט א גרינער טאל
ליגט און דרעמלט פון אמאל.

3

און אין טאל, אין רעכטן מיטן,
וואקסן רויטע רויזן, בליטן;
און צעווישן יענע בלומען
טוט זיך שטיל א טײכל ברומען.

4

פליסט א טײכל און עס דרײט זיך,
אינם גרינעם טאל צעשפרײט זיך,
צווישן דעמבן ריזיק הויכע,
צווישן גראזן גרינע, ווייכע.

5

שיין דאָס טייכל איז אין ווינטער,
ווען דער פראָסט מיט אייז פאַרשפּינט עס.
ווען ניט טייכל — בלאָה קרישטאָל
שליינגלט דאָרט זיך אינעם טאָל.

6

נאָר אין זומער ווי ס'איז שיין
וויסן ליליען נאָר אַליין:
וואַסער־ליליען, וואָס בײַם מיל
באָדן באַרט זיך אין דער קיל.

7

זומער איז דער טייך פול לעבן:
אַף זיין האַרצן שווימ ן, שוועבן
פייגלאָך, ושוקלאָך אַן אַ צאָל,
זומער־פייגעלאָך פון טאָל.

8

און אין וואַסער קאַרפּן, שלייען
שווימען, שפּרינגען און זיי שפּייען...
זאָגט דאָס שטעטל: איז אַ טייך,
ס'איז ניטאָ צו אים קיין גלייך!

9

איז אין שטעטל אויך דאָ קינדער,
לויפן זיי פון פויל געשווינטער,
טוען אויס די וואַבן גלייך
און אַ שפּרונג אַריין אין טייך.

10

א שפרונג אריין, א שפרונג ארויס.
באדן זיי זיך אלע אויס:
פליושקען זיך אין וואסער דארט.
קיינ׳ וואס כאפט פאר זיי אנ׳ארט.

11

ניט איז קינדערלאך אין טייכל.
ס׳איז א כיעס נאר א מייכל
זיינען קלאפטער איינס און צוויי.
שווימען אלע אין איין ריי.

12

איז דארט אבער אין דער מיטן,
גאט זאל אלע קינדער היטן—
ס׳איז אין טייך אנ׳ארט—א שרעק.
ס׳כאפט און רייסט אוש ביזן דעק.

13

ווער איז דארט אין מיטן וואסער.
אזא אויסניק א נאסער?
שרייט אווי און רוישט און ברומט,
טאג און נאכט ער זיימט און שוימט.

14

וואגן אנדערע אין שטעטל.
מע האט געפונען אזא צעטל—
אז אמאל א גוטער איד
האט דערזען ביים טייך א שמיד.

15

שטייט און האלט א קישעף רינג.—
א קישעף רינג און טוט א קלינג.
טוט א פּאך און פּיט א רוט.
ווערט דאס טייכל פיל מיט בלוט.

16

און ווען ס'הויבט אן די בלוט צו זידן,
שעלט דער שמיד דאן אלע אידן:
בעט אף אלעמען דעם טויט.
פראוועט קישעף שטילערהייט.

17

קוקט דער אלטער גוטער איד
מיט גרויס וואונדער אפּן שמיד:
קישעף פראוועט מאג מען דען,
האט איר ווען אזוינס געזען?

18

און ער זאגט צום שמיד: מיין קינד.
קישעף פראוועז איז א זינד!
דעם צויבער־רוט דו ווארף אוועק.
מאך צום קישעף גלייך אנ'עק...

19

לאכט דער שמיד און זאגט אזוי:
אלטער טעראך, גיי זיך, גיי!
כ'פרעג בא דיר קיין אייצעס ניט,
מאך פּון דאנען גיכע טריט.

20

ווערט דער אלטער פול מיט צאר:
אוי א וועלט איז היינט געווארן!
אייביק וועסטו קאבן, וויין,
וואס טוסטו שילטן פייגע אין.

21

איז אוועק דער שמיד אף מארגן
אין טייך זיך באדן גאר אין זארגן,
און אין רעגבן מיטן טייך
האט ער זיך דערטרינקען גלייך.

22

און פון דעמאלט — שטייט געשריבן —
איז די רו פון דארט פארטריבן.
ביקאכט דאס וואסער טאג ווי נאכט,
ס׳רוישט אזוי ווי אין א שלאכט.

23

און ס׳דערציילט אן אלטער איד:
ווען דער יארצייט קומט פון שמיד,
ברויזט דאס טייך מער זיבן מאל.
און עס הערט זיך אזא קאל:

24

בארג און טאל און פעלד און שטיין,
הערט זיך צו צו מיין געוויין.
שיקט מיר ווער א באווער צו.
און מיין פינסטערן, נאבער רו...

25

אין דאן, זאגט מען, טרעפט נאר ייער,
קומט אין יענער צייט א הער,
זעט ער שיין ניט מער די שיין,
משלעפט אים ווער צום גרונט אריין.

26

כאפט די מאמעס אן א ציטער:
— גאט זאל זיין א גוטער היטער!
קינדער לויפן אום זיך באדן,
זאל באלילע, זיי ניט שאדן.

27

זאגן קינדער צו זיך היטן,
ניט צו קריכן אין דער מיטן,
פון דעם קעסל־גרוב צו ווייכן,
באדן זיך ביים ברעג פון טייכל.

28

איז דא אבער לייבקע שווימער
א גרויסער שטיפער, א באריטער.
איינמאל שוין א ר עכטע סכוירע!
האט פאר קיין זאך ניט קיין מוירע.

29

האלט זיך באמיד אין איין באדן,
מיט די פענבערס אנגעלאדן,
לאזט זיך ביז גרונט אראפ
טיף אין וואסער איבער קאפ.

30

שפרינגט און דרייט זיך ווי א וויכער,
ווי א-וויכער פלינקער, גיכער:
שווימט א „ושאבע”, שווימט א „שליויען”
מאכט אייך נאך דעם קרומען ראיען.

31

קייקלט זיך אין זאמד א גאסער,
און איז ווידער שוין אין וואסער:
ווערט ער מיד—איז דא אנזאייצע:
לייבקע שווימט שוין אפן פלייצע.

32

אפן פלייצע, אפן רוקן,
לאכט פון שטירל נאר מסוקן:
איי, שמידוליע, גראבער יונג,
כ'טו באלד אין דיין גרוב א שפרונג!

33

מיך וועסטו צו זיך ניט שלעפן,
כ'וועל דאס וואסער דיינס אויסשעפן,
כ'וועל די ביינער דיר צוברעכן,
צו מיר, ראשע, זאלסט ניט קריכן!..

34

הייבן קינדער אן צו שרייען:
— לייבקע, הער שוין אויף צו ברייען!
ס'איז דער שמיד א קישעף-יונג,
און האט א גאלדן צויבער-רונג.

35

ענטפערט ליבקע: פוסטע זאכן:
און הערט ניט אויף קיין קונצן מאכן;
האפּ אין וואסער און דערנאך
מיט די הענטלאך: פאך, פאך, פאך!

36

וואס אים גריבער, ווער אים גריבער
אז ער שווימט די טייך אריבער,
מיט איין אטעם ברעג צו ברעג:
זיצט אין וואסער גאנצע טעג.

37

ביז עס טרעפט מיט אונזער ׳שווימער,
וואס פּאסירט מיט יעדן ב רימער:
ס׳טרעפט מיט אים — אז אך און ווי!
ס׳איז די מאיסע אט אזוי.

38

איינמאל זומער א פארנאכט,
ס׳האלט ביים אנקומען די נאכט.
און א יאם פון גאלד און בלוט
ערגעץ וואו די זון שוין רוט.

39

ערגעץ וואו א פויגל שרייט:
קינדער, שלאפן איז שוין צייט!
ס׳ווערט נוט פינסטער מיט אמאל,
ס׳דרעמלען אין אי בארג, אי טאל.

40

אין פֿין וואגן קומט א ווינט,
קומט און פייפט און בלאזט געשווינט,
ס'פֿליען וואלקנס אין דער הייך,
שווארצע, פֿינסטערע ווי רויך.

41

ס'שוט א דונער מיט א בליץ,
און דער וואלד ער טוט א קריץ
מיט די צווייגן, ווי מיט ציין:
ערגעץ וואו עס פאלט א שטיין.

42

ווערן קינדער גלייך דערשראקן,
כאפן העמד און שיך און זאקן,
און ווי לויפן גיכער, גיכער
מיטן ווינט און מיטן ווייכער.

43

אף די וועגן, אף די שטעגן
לויפן און ווי יאגט דער רעגן,
און מע טומלט און מע שרייט.
ביז מע קומט אהיים באצייט.

44

נאר איין ליובקע וויל ניט וויסן
פון דעם רעגן וואס טוט גיסן,
פון דעם ווינט וואס בלאזט הו הא,
וואס דער שטורעם איז אזא...

45

ער האלט אלץ אין איין זיך באדן:
ס׳וועט אים גאר ניט, קלערט ער, שאדן.
ס׳איז נאך בעסער אין א ווינט
זיינען קלאפטער גיך, געשווינט.

46

מיט א פאר גאנץ פריש, געזונט,
שפרינגט ארויס פון טיפן גרונט,
פון טיפן גרונט דער שווארצער שמיד
דער שווארצער שמיד און ברומט א ליד.

47

מאכט דאס וואסער טיפער, ברייטער
בויט פון בוואליעס זיך א לייטער,
טוט א שטעל זיך און א דריי,
ווי א האן טוט ער א קריי.

48

טוט א הייב זיך, א געשריי:
לייבקע, קום, אהערצו ניי! —
כ׳וועל דיך נעמען אין מיין גרוב,
אין מיין גרוב און אין מיין שטוב.

49

כ׳וועל דיר געבן טרינקען, עסן,
פאראן בא מיר אויך א פרינצעסן,
א באספאלקע שיין ווי גאלד,
וואס האט קינדער ווייער האלט.

50

וועט זי זיך מיט דיר דארט שפילן
אפן אפגרונט, אפן קיל:
וועט דיר לידעלאך אויסזינגען,
און וועט טאנצן, און וועט שפרינגען.

51

און ווי דער שמיד ער רעדט אזוי,
שטרעקט ער אויס די הענט, די צוויי-
וועלקעס אייזערנע א פאר,
כאפט אין לייבקען פאר די האר.

52

כאפט אים אן און טוט א שפרונג,
און שטעלט ארויס א גרויסן צונג,
טוקט אים אפ און טוט א קער,
א ווארף אהין, א ווארף אהער.

53

ציט אים שטארק צום גרונט אראפ
און פארדרייט אים אויף דעם קאפ:
כוואליעס יאגן אים אנרויל,
ס'גיסט אים וואסער אן אין מויל.

54

פילט שוין לייבקע—ס'איז ניט גוט:
צו כאלאשינב א מינוט.
הייבט ער אן צו שרייען: גוואלד!
ס'הילכט אויס אפ אין טיפן וואלד.

55

נאָך א מאָל, נאָך א בליק,
וואָס דאָרט פּיצער בא דער בריק
זיצן אין די שיפלאַך צוויי —
דערהערן ווי דעם קינדס געשריי.

56

און צום קעסלגריב וואָס ניבער,
איילן ווי גאַנץ מוטיק, זיבער,
מיט די וויאַסלעס קלאַפּן, יאָגן
ביז זיי קומען זיך צעטראָגן:

57

און ווי באַפּן אונזער שווימער,
ליבקע שווימער דעב—באַריטער
און ווי ווען אים אַריין
אינם שיפל שיין און פיין.

58

ברענגען אים אהיים צום טאַטן,
און פאַרזאָרגן אים און ראַטן,
ניט צו לאָזן אים אליין
באָדן זיך אין טיפבי ניין.

59

איז ער קראַנק דאָן גאַנצע וואָך,
ליגט אין לעבן טאַטס געבראָכן...
און ביים טישל-ריאַק, שטיל
פּיצט א אינגל ניט א שפּיל.

60

ווי עס ווערט אים אבער גרינגער,
איז ער יעדער ליבקעס שפרינגער!
קלייבט צונויף א בעזורע גלייך,
הענדים־פענדים—און צום טייך.

61

און ווען אינגלאך שפאטן, לאכן:
— ליבקע, וואס טוסטו עפעס מאכן?
האט דיך גאט דער שווארצער שמיד
אויסגעוויינט דאן זיין ליד?..

62

הייבט אן ליבקע זיך צו קריגן:
ס'איז די גאנצע מאיסע ליגן!
שמיר צום טייכל, בלאך זיך אויס.
ס'איז זיין קיאך נאר ניט גרויס.

63

ס'איז די קעמלגריב נאר שרעקלאך
פאר נאר קליינע—קליינע ברעקלאך!
איך ווייס, בעזורע, קומט זיך באדן,
ס'ועט איך קיינמאל גארנישט שאדן.

64

ווערן בעזורע מונטער פריילאך,
און מען טוט צום טייך א היילאך:
און עס לעבט דער ברעג שוין ווידער,
הילכט פון שיינע קינדער ליד...